**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/5/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פינאנצירונג יעצט אוועילעבל צו שטיצן עלעקטרישע שולע באס טשארדזשינג אינפראסטרוקטור**

***ניו יארק שולע באס פלאן פראגראם מאכט טשארדזשינג אינפראסטרוקטור און עלעקטרישע אפגרעידס פאר ריינע באסעס ביליגער פאר פובליק שולעס***

***שטיצט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציל צו רעדוצירן גרינהאוז גאז עמיסיעס מיט 85% ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז פינאנצירונג איז יעצט אוועילעבל פאר עלעקטרישע שולע באס טשארדזשינג אינפראסטרוקטור אונטער דעם היסטארישן $4.2 ביליאן ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באנד געזעץ (Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act) און דורך די ניו יארק שולע באס פלאן פראגראם (New York School Bus Incentive Program). עס איז דא הילף אוועילעבל צו העלפן מאכן דאס אינסטאלירונג פון לעוועל 2 אדער דירעקטע קורענט שנעלע טשארדזשינג טשארדזשערס און פארבינדענע עלעקטרישע אפגרעידס ביליגער פאר פובליק שולע דיסטריקטן און די באס פירמעס וועלכע ארבעטן מיט זיי. די היינטיגע אנאנסירונג שטיצט די ציל פון די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act) צו רעדוצירן גרינהאוז גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050, און אזוי אויך שטיצט עס ניו יארק סטעיט'ס פאדערונג אז אלע שולע באסעס אין ניו יארק סטעיט זאלן זיין עמיסיע-פריי ביז 2035.

"יונגע מענטשן שטייען אינמיטן פון די קלימאט קריזיס, און ערמעגליכן דאס איבערגאנג צו א זערא-עמיסיע שולע באס פלאטע איז נישט נאר א פארפליכטונג צו א ריינערע צוקונפט, נאר צו די געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע סטודענטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אינעם צייט וואס שולע דיסטריקטן מאכן דאס איבערטויש צו עלעקטרישע באסעס, שטעלט מיין אדמיניסטראציע צו די ריסאורסן וואס מען דארף צו מאכן די איבערטויש דאס גרינגסטע און ביליגסטע מעגליך."

פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), איז די פראגראם יעצט גרייט צו אננעמען אפליקאציעס פון פובליק שולע דיסטריקטן און שולע באס פירמעס. פינאנצירונג איז אוועילעבל אויף א באזע פון ווער עס קומט ערשט, באקומט ערשט, און די שטאפל פון פינאנצירונג וואס מען באקומען איז באזירט אויף די צאל באסעס וואס א שולע דיסטריקט אדער באס פירמע האט געקויפט אדער קויפט יעצט. סומעס הויבן זיך אן ביי $25,000 א באס צו דעקן הארדוועיר, עלעקטרישע ארט אפגרעידס ביים זייט פון קונה, קאסטן פון אינסטאלירונג, און האלטן באטעריעס. דיסטריקטן וועלכע זענען באשטימט אלץ פריאריטעט דיסטריקטן קענען באקומען נאך $10,000 א באס. פריאריטעט דיסטריקטן זענען אפגעטייטשט אלץ נויטבאדערפטיגע שולע דיסטריקטן דורך די ניו יארק סטעיט

עדיוקעישאן דעפארטמענט אדער די וועלכע דינען שוואכערע קאמיוניטיס ווי אפגעטייטשט דורך די ניו יארק סטעיט קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע (Climate Justice Working Group).

אלץ טייל פונעם פראצעדור, קענען אפליקאנטן באקומען ביז אזויפיל ווי נאך $30,000 א באס אויב זיי קלייבן אויס צו ערפולן א פלאטע עלעקטריפיצירונג פלאן וועלכער שטעלט צו א ברייטע אפשאצונג פון יעצטיגע פלאטע אפעראציעס, אנאליז פון יעצטיגע עלעטקטרישע מעגליכקייטן אויפ'ן ארט, און וועט דינען אלץ א שריט פלאן אויף צו עלעקטריפיצירן די אפליקאנט'ס גאנצע פלאטע ביז 2035.

**NYSERDA CEO און פרעזידענט דאָרין מ. העריס האט געזאגט**, "ניו יארק'ס ווייטערדיגע אינוועסטירונג אין עלעקטרישע שולע באסעס ציינגט א גרויסע שפרינג אינעם ריכטונג פון א ריינערע צוקונפט און וועט באשיצן סטודענט געזונטהייט דורך רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס און פארבעסערן די לאקאלע לופט קוואליטעט. אינעם צייט וואס שולעס מאכן די איבערטויש, קען דאס ברייטע פלאטע פלאנירונג העלפן דיסטריקטן פארשטיין זייער אייגנארטיגע געברויכן און וויאזוי צו דאס בעסטע אויסנוצן די קריטישע פינאנצירונג צו העלפן דעקן טשארדזשינג אינסטאלירונג קאסטן."

אפליקאנטן מוזן האבן געהאט איינגעקויפט זייער עלעקטרישע שולע באס(עס) נאך יאנואר 1, 2023, צו זיין בארעכטיגט פאר טשארדזשינג געלטער. אויך, מוזן די באס איינקויפונגען ווערן באצאלט דורך די דיסטריקט, א באס פירמע'ס אייגענע ריסאורסן, דורך ניו יארק שולע באס פלאן פראגראם (New York School Bus Incentive Program, NYSBIP), אדער דורך ניו יארק טראק וואוטשער פלאן פראגראם (New York Truck Voucher Incentive Program) אדער דורך די ענווייראמענטאלע באשיצונג אגענטור ריינע שולע באס פראגראם (Environmental Protection Agency Clean School Bus Program). אאנדערע יוטיליטי פראגראמען און פעדעראלע פלענער צו העלפן רעדוצירן די קאסט פון עלעקטרישע באסעס און אינפראסטרוקטור נעמען אריין די מעסיגע און שווערע באנוץ מאכן גרייט פילאט (Medium and Heavy Duty Make Ready Pilot) און די אינפלאציע רעדוקציע געזעץ (Inflation Reduction Act) 45W און C30 שטייער קרעדיטס.

א פולע ליסטע פון בארעכטיגונג באדינגונגען און רעגולאציעס פאר די טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פינאנצירונג קען מען קוקן דא. פאר מער אינפארמאציע איבער NYSBIP און נייע טשארדזשינג פלענער שרייבט זיך איין פאר NYSERDA'ס וועבינאר אום **מערץ 12, 2024, 2:00 נאכמיטאג אויף דעם ניו יארקער זייגער.**

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט**, "גאווערנער האקול'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו ריינע טראנספארטאציע פארבעסערט לופט קוואליטעט און טראנספארמירט די וועג וויאזוי מיר פארן. די היינטיגע אנאנסירונג איז נאך א וויכטיגע שריט און שטיצן שולע דיסטריקטן און באס פלאטע אייגנטומער דורך צושטעלן וויכטיגע אינפראסטרוקטור אפגרעידס צו שטיצן זערא-עמיסיע שולע באס פלאטעס ביז 2035. ארבעטנדיג צוזאמען מיט NYSERDA און נאך מיטארבעטער, נוצט DEC די ענווייראמענטאלע באנד געזעץ פינאנצירונג געלעגנהייטן צו פאראויס רוקן קלימאט שריט אין קאמיוניטיס ארום די סטעיט, איין שולע באס אויפאמאל."

**ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמישאנער טשעיר ראָרי מ. קריסטשיען האט געזאגט**, "מיט שריט אזוויי דאס, זעען מיר נאך א ביישפיל פון גאווערנער האקול'ס ווייטערדיגע פארפליכטונג צו אינוועסטירן אין א ריינערע צוקונפט. מאכן אונזער שולע באס פלאטע ריינער וועט העלפן געבן פאר אונזערע קינדער א ריינערע ענווייראנמענט און וועט פאראויס טרייבן די ריינע ענערגיע עקאנאמיע."

**פלאנירונג און טעכנישע הילף**

אונטער די רייניגע וואסער, רייניגע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באנד געזעץ (באנד געזעץ), וועט $5 מיליאן פון די אריגינעלע $100 מיליאן פון פינאנצירונג פאר זערא-עמיסיע באסעס ווערט באשטימט פאר צו געבן פאר שולעס טעכנישע הילף. פריאריטעט דיסטריקטן קענען באקומען ביז אזויפיל ווי 100 פראצענט פון די קאסטן פון די פלענער געדעקט אינעם צייט וואס אנדערע שולע דיסטריקטן קענען האבן ביז אזויפיל ווי 75 פראצענט פון די קאסטן געדעקט. פלאנירונג ריסאורסן אזויווי די עלעקטרישע שולע באס מאפע און די עלעקטרישע שולע באס וועגווייזער זענען אויך אוועילעבל צו העלפן ערקלערן קאסטן, פינאנצירונג מיטלען, און פאליסי אויסוואלן ווי אויך פאקטארן און באשלוסן וואס קומען ארויף ווען שולע דיסטריקטן און באס פירמעס באטראכטן רייניגע באס אויסוואלן.

**סטעיט סענאטאר פיעט הארקהאם האט געזאגט,** "צו העכערן אונזערע באמיאונגען צו רעדוצירן גרינהאוז גאזען, דארפן מיט וויטער אריבערגיין צו זערא-עמיסיע קארן, אריינרעכענענדיג שולע באסעס. עלעקטרישע שולע באסעס זענען געזונטער פאר סטודענטן און, נאך אלעמען, מער שפארזאם פאר שולע דיסטריקטן און שטייער באצאלער. די צייט צו אויסברייטערן אונזער EV טשארדזשינג אינפראסטרוקטור ארום די סטעיט איז יעצט, אבער, און איך אפלאקדיר NYSERDA'ס פינאנציעלע שטיצע פאר שולע דיסטריקטן וועלכע ארבעטן צו איבערטוישן זייערע פלאטעס צו עלעקטרישע באסעס."

**סטעיט סענאטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** "איבערטוישן אונזער סטעיט'ס פובליק שולע באס פלאטעס צו עלעקטרישע באסעס איז א קריטישע באשטאנדטייל צו קענען דערגרייכן צו צילן פון רייניגע טראנספארטאציע פון די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ. מיר מאכן די אינוועסטירונגען צו פארזיכערן מער אן ענווייראמענטאלע-גערעכטע ניו יארק און א וויכטיגע טריט פאראויס מיט שטיצן שולע דיסטריקטן ביים מאכן די איבערטויש."

**סטעיט סענאטאר שעלי ב. מעיאר האט געזאגט,** "איך בין גאר צופרידן אז די ענווייראמענטאלע באנד געזעץ פינאנצירונג וועט יעצט זיין אוועילעבל צו העלפן פארגרינגערן די איבערגאנג צו עלעקטרישע שולע באסעס פאר שולע דיסטריקטן דורכאויס ניו יארק סטעיט. אינעם צייט וואס מיר מוטשענען זיך מיט די שטייגנדע שעדליכע אפעקטן פון קלימאט ענדערונג, איז זייער וויכטיג אז מיר זאלן נעמען שריט צו רעדוצירן די צאל קארבאן וואס מיר לאזן ארויס אין די לופט און, אינעם זעלבן צייט, פארזיכערן אז די פראצעדור איז גייט אלץ גלאטער פאר שולע דיסטרקטן און אן קיין פינאנציעלע יאך. איך בין אנטשאסן צו זיכער מאכן אז שולע דיסטריקטן וויסן וועלכע געלטער איז אוועילעבל פאר זיי און וויאזוי צו באקומען צוטריט דערצו אינעם צייט וואס זיי מאכן זייער איבערטויש צו א שטערקערע צוקונפט. די פינאנצירונג אוועילעבל דורך די רייניגע וואסער, רייניגע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באנד געזעץ וועט העלפן פארזיכערן אז די שריט צו פארבעסערן אונזער קאמיוניטי זענען מעגליך צו ווערן דורכגעפירט."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "איך מוטיג שטארק פאר שולע דיסטריקטן און באס פירמעס איבער גאנץ ניו יארק צו געניסן פון די פינאנצירונג געלעגנהייט צו העלפן אראפברענגען די קאסטן פון א איבערטויש צו עלעקטרישע שולע באסעס איבער די גאנצע סטעיט. די פינאנצירונג איז ספעציעל געמאכט צו פארזיכערן אז די דיסטריקטן, ספעציעל וואס זענען זייער נויטבאדערפטיג, האבן צוטריט צו הילף ווען זיי אפגרעיד'ן פלאטעס און אינפראסטרוקטור צו נאכקומען אונזער גרויסע קלימאט צילן."

**אסעמבלי מיטגלידערין דידי בארעט האט געזאגט,** "ווען מיר האבן אריבערגעפירט דעם ענווייראמענטאלע באנד געזעץ, האבן מיר זיך פארפליכטעט צו צושטעלן באדייטנדע אינוועסטירונגען אין אונזער נייע, גרינע עקאנאמיע, און איך בין צופרידן צו זען אז די פינאנצירונג איז יעצט גרייט אויף צו אויסברייטערן טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פאר עלעקטרישע שולע באסעס. עס איז קריטיש אז ניו יארק סטעיט זאל צושטעלן די נויטיגע אנווייזונגען, ריסאורסן, און פינאנצירונג צו שטיצן שולע דיסטריקטן אין זייער איבערטויש צו זערא-עמיסיע שולע באסעס."

**אסעמבלי מיטגלידערין פארישע פאהי האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנסירונג איז א ערווארטענע 'פרישע אטעם' פאר סטודענטן און שולע דיסטריקטן ארום ניו יארק. ניו יארקער האט גאר שטארק ענדארסירט די ענווייראמענטאלע באנד געזעץ, און איך בין גאר צופרידן צו זען אז א טייל פון איר פינאנצירונג גייט כדי צו פארגרינגערן די קאסט יאך פון לאקאלע שולע דיסטריקטן פאר EV באס טשארדזשינג געצייג. אויפהערן נוצן גאז-מאטאר באסעס פארמינערט נישט בלויז א גרויסע פובליק געזונטהייט געפאר פאר אונזערע סטודענטן און שוואכערע קאמיוניטיס - נאר עס איז אויך וויכטיג אויף צו ערפילן ניו יארק'ס פאלק-פירנדע קלימאט מאנדאטן. איך קאמענדיר גאווערנער האקול פאר'ן אנערקענען די נויט צו ארויסהעלפן אונזערע שולע דיסטריקטן אינעם צייט פון די איבערטויש אזוי אז ריינערע לופט זאל קענען ווערן א ווירקליכקייט פאר נאך ניו יארקער סטודענטס אין די קומענדיגע צענדליגע יארן."

**אסעמבלי מיטגלידערין דעבארע דזשעי. גליק האט געזאגט,** "אינעם צייט וואס מיר ארבעטן ווייטער צו רעדוצירן לופט פארפעסטונג, ספעציעל אין געגנטער וואס אפעקטירן קינדער דירעקט, דארפן עלעקטרישע שולע באסעס אן אויסברייטערונג פון טשארדזשינג אינפראסטרוקטור. די אינוועסטירונג פון ענווייראמענטאלע באנד געזעץ ריסאורסן איז א קריטישע טייל פון אונזערע באמיאונגען צו נאכקומען די ענווייראמענטאלע צילן ארייגערעכנט אין די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט. איך קוק ארויס צו אונזערע מיטגעטיילטע פארפליכטונג צו פארזיכערן ריינע לופט און ריינע וואסער פאר אלע ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל ר. בענעדעטאו האט געזאגט,** "איך בין איבערראשט איבער די פינאנצירונג וואס איז אווילעבל אויף צו אפגרעיד'ן אינפראסטרוקטור פאר עלעקטרישע שולע באסעס. די פראגראם האט די מעגליכקייט צו אנפירן זייער איבערטויש, און צום ענדע רעדוצירן גרינהאוז עמיסיעס."

**פרעזידענט פון די ניו יארק ליגע פון אפהיטונג ווייליער דזשולי טייה האט געזאגט,** "שולע דיסטריקטן ארום די סטעיט האבן שוין אן זייער ESB רייזע מיט די הילף פון די ניו יארק שולע באס פלאן פראגראם, און באלד וועלן זיי געניסן פון די בענעפיטן פון ריינערע לופט און געזונטערע שולע קינדער. מיר זענען זייער צופרידן צו זען ווי באנד געזעץ געלטער עפענען אויף טשארדזשינג אינפראסטרוקטור און מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר'ן מאכן ניו יארק אן ESB סטעיט און פארזיכערן אז שולע דיסטריקטן האבן די ריסאורסן וואס זיי דארפן."

**סופעראינטענדענט ביי די לעיק דזשארדזש צענטראלע שולע דיסטריקט דזשאן לוטרינגער האט געזאגט,** "לעיק דזשארודזש איז גאר פרייליך צו זיין איינע פון די ערשטע דיסטריקטן צו באקומען שולע באס וואטשער פינאנצירונג דורך די NY שולע באס פלאן פראגראם און מיר קוקן ארויס זיך איינצוגעבן פאר נאך פינאנציעלע שטיצע דורך די טשארדזשינג פראגראם. אינעם צייט וואס שולע דיסטריקטן רוקן זיך פאראויס אינעם ריכטונג פון דערגרייכן אלע די סטעיט'ס פאדערונגען פאר'ן איינקויפן עלעקטרישע באסעס, זענען די פינאנצירונג געלעגנהייטן גאר וויכטיג פאר שולעס אויסצונוצן, און לעיק דזשארדזש פרייט זיך צו זיין א טייל דערפון!"

**אסיסטענט סופעראינטענדענט פאר ביזנעס ביי די פובליק שולעס פון טעריטאונס בריען פריעד האט געזאגט,** "עס איז א שווערע זאך פאר שולע דיסטריקטן צו זיין אויך שפארזאם מיט געלט און אויך טראכטן פון די ענווייראמענט א גאנצן צייט. איבערטוישן צו עלעקטרישע שולע באסעס ערלויבט אונז צו מאדערנעזירן אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור און אינעם זעלבן צייט העלפן פארמינערן אונזער פארלעסליכקייט אויף פאסיל גאזען. מיר זענען צופירדן זיך ארויסצולאזן אויף דעם פראצעדור צו ווייזן אביישפיל פון שטארקייט פראקטיקן פאר אונזערע קינדער אן נאך יאכזאמע שולע שטייערן פאר אונדער קאמיוניטי.',

**סופאלק טראנספארטאציע סערוויסעס טשיעף אפעראציע באאמטער און פרעזידענט פון NYSBCA טאמעס וו. סמיט האט געזאגט,** "אינעם צייט וואס מיר קוקן צו איבערבייטערן אונזער עלעקטרישע שולע באס פלאטע,איז עס פרייליגע נייעס אז געלטער וועלן זיין אוועילעבל צו העלפן מיט די קאסט פון טשארדזשערס און יוטיליטי אפגרעידס צו צושטעלן ע שנעלערע וועג צו שולע באס עלעקטריפיציערונג. אינפראסטרוקטור איז א באדייטנדע טייל אינעם איינפירונג פון די סטעיט'ס שולע באס עלעקטריפיציורנג פלאן. מיר קוקן ארויס צו ווייטער ארבעטן צוזאמען מיט NYSERDA צו שטיצן די איבערטויש צו א שולע באס פלאטע וואס פארמאגט בלויז עלעקטרישע באסעס.

**באנד געזעץ פינאנצירונג פאר עלעקטרישע באסעס**

א סך הכל פון $500 מיליאן איז באשטימט אינעם באנד געזעץ פאר זערא-עמיסיע שולע באס און אינפראסטרוקטור געלטער און די אנאנסירונג היינט איז טייל פון די אריגינעלע $100 מיליאן [וואס איז געמאכט געווארן אוועילעבל](#) אין נאוועמבער. ביז היינט, האט די גרענט געלעגנהייט געצויגן 20 אפליקאציעס פאר 97 באסעס אנקומענדיג צו א סך הכל פון $22 מיליאן און שולע באס פירמעס און באס פארקויפער קענען זיך ווייטער איינגעבן אויף אן אנגייענדן באזיס. NYSBIP בארעכטיגונג באדינגונגען זענען געווען אפן פאר פובליק קאמענטארן ביז סעפטעמבער 1, 2023, און זענען ארויסגעגעבן געווארן אויף סעפטעמבער 28, 2023, נאך העפטיגע באנד געזעץ פובליק אנטיילנעמונג פראצעדורן. צו באקומען די לעצטע אפדעיטעד אינפארמאציע איבער קומענדיגע וועבינארס און אנדערע פראגראם נייעס, שרייבט זיך איין פאר אפדעיטס [דא](#).

די [NYSBIP](#) גייט צוזאמען מיט די סטעיט'ס אנגייענדע אינוועסטירונגען אין ריינע טראנספארטאציע פון נאנט צו $3 ביליאן איבער די קומענדיגע פינף יאר און נעמט אן ריינע קארן און ריינע טראקס רעגולאציעס וואס פאדערן 100 פראצענט זערא-עמיסיע פאסאנזשיר קארן און לייכטע טראק פארקויפונג ביז 2035. אקטיווע אינציאטיוון פאר מיטלמעסיגע און שווערע טראקס רעכענען אריין וואוטשערס צו קויפן עמיסיע-פרייע טראקס דורך דעם [ניו יארק טראק וואוטשער אינציאטיוו פראגראם ) New York Truck Voucher Incentive Program, NYTVIP)](#) און דורך דעם [ניו יארק סיטי ריינע טראקס פראגראם](#), די [" EV Make Ready" אינציאטיוו](#) צו העלפן פארברייטערן באנוץ מיט עלעקטרישע קארן, פלאטע אפשאצונג סערוויסעס און די [ניו יארק ריינע טראנספארטאציע באלוינען](#).

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו עררייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 40 ביליאן דאלאר אין 64 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר

אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן